בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ה

405

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


צוּ שַׁארְף גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן מְלַמְדִים? ..... א
מִתְפַּלֵל זַיין צוּ קוּמֶען וואוּינֶען אִין שְׁטֶעטְל? ..... ג
זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פַּאר עֶלְטֶערְן? ..... ד
פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, אוֹיב מֶען קֶען אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה? ..... ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית ..... א
נָאךְ אֵיין מָאל שׁוֹפָר בְּלָאזְן ..... ג
אִידִישֶׁע מַאמֶעס דַארְפְן הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ ..... ה
אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם אִין גַן עֵדֶן ..... ו
שְׁוֶוערְן אַז נָאךְ דִי פְּטִירָה וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן ..... ז
אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת ..... ז
נָאר דָאס שֵׁיין רֶעדְן, דָאס מַאכְט חָשׁוּב ..... ח
אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶעקְלַאפְּטֶע ..... ט
אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם ..... ט
דְרֵייְוֶוען אַ בָּאס פַאְרן רֶבִּינְ'ס חֵדֶר ..... י
זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי מָאוִויס ..... יא
נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ..... יא
אַ פְּרוֹי הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אוּן טוּן פַארְן מַאן ..... יב
צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער ..... יג

נָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים לְכַתְּחִילָה שֶׁבַּלְכַתְּחִלָּה..................................יג
רִידְט נִישְׁט פוּן אַייעֶר צְנִיעוּת קַיין אֵיין דִיר..................................יד
מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה..................................טו
אָן וַואטְסְעֶפּ וֶועסְטוּ הָאבְּן מֶער יִשּׁוּב הַדַעַת..................................טו
נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי עֶפֶּענֶען יֶענֶעמְ'ס טִיר..................................טז
עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן מִיט דִי שׁוּלֶע, ווִי מִיט דִי מַאמֶע..................................טז
וָואס אִיז דֶען וֶוערְד אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים?..................................יז
מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גֶעפִילְן..................................יז
שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן אַלֶע צְדָדִים..................................יח
נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם אִין הֵיכַל פוּן צִיּוּן..................................יט
אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן..................................יט
נֶעם אַרוֹיס דַיין וַוייבּ, טְרָאג אִיר, בְּרֶענְג אִיר, נֶעם אִיר..................................כ
לֶערְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ ווִיסְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס צוּ טוּן..................................כ
נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ צְוֵוייטֶע הוֹיז אָן רְשׁוּת..................................כא
הֵיילִיג הֵיילִיג, אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי נִישְׁט גוּטֶע..................................כב
דִי וֶועג פַאר הַצְלָחָה אִיז זַיין צַייטְלִיךְ..................................כב
ווִי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת..................................כג
אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר דִי מוֹסְדוֹת..................................כד
אַבִּיסֶעלֶע קִנְאָה, אַבִּיסֶעלֶע תַּאֲוָה, אוּן אַבִּיסֶעלֶע כָּבוֹד..................................כד
אִיךְ זֶע דִיךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק..................................כה
אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט בַּיי דִי מְזוּזָה..................................כו
קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה..................................כו
זָאג נָאר אֵיין זַאךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל..................................כז
מוֹרָא הָאבְּן פוּן לָשׁוֹן הָרָע, נִישְׁט פוּן מֶעדְעצִינֶען..................................כח
'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס חֵדֶר?'..................................כט
זַיי מִתְפַּלֵל אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע..................................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## צוּ שַׁארְף גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן מְלַמְּדִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיב מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן דֶעם פָאלְגֶנְדְן שְׁטִיקְל פוּן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים חֵלֶק ב':

"אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן אַרַיינְגֵיין אִין 'מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל', אִיךְ פְלֶעג בַּיי הַפְסָקָה בְּלַייבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה, וַוייל דִי 'מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל' אִיז גֶעוֶוען אַ 'מוֹשַׁב לֵצִים', מֶען אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אוּן בַּארֶעדְט דִי קִינְדֶער, 'דֶער אִינְגְל אִיז אַ פֶערְד', 'דֶער אִינְגְל אִיז אַ בְּהֵמָה' אוּן 'דֶער אִינְגְל וָואס אִיז רוֹיט אוּן פֶעשׁ אִיז אַ פָּרָה אֲדוּמָה', אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'וָואס? דָאס זֶענֶען מְלַמְּדִים?! דִי מְלַמְּדִים שִׁיקְן אַהֵיים יֶעדֶע וָואךְ דִיקֶע בִּיכֶער, אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי 'ל"ט מְלָאכוֹת' אוּן דִי 'שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת', כְּדֵי דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן מֵיינֶען אַז מֶען גֶעבְּט דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ, אוּן אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער?!

מַיין סָפֵק אִיז, אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁט צוּ אָפְן גֶעשְׁרִיבְּן, לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס לֵיידֶער רֵיין אֱמֶת, אוּן אַזוֹי הֶערְט מֶען לֵיידֶער רֶעדְן אִין מְלַמְּדִים שְׁטוּב, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעזָאגְט אוֹיף דִי מוֹסָד וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶעמָאלְט גֶעאַרְבֶּעט, אֶפְשָׁר אִיז עֶס צוּ פֶּערְזֶענְלִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, ער"ח מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

קֶענְסְט דָאס דְרוּקְן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִי מוֹסָד פֶּערְזֶענְלִיךְ, דָאס אִיז אַפָּאר מְלַמְדִים לֵיידֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטָארְט זַיין קֵיין מְלַמֵד, זֵיי זֶענֶען טַאקֶע שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט קֵיין מְלַמְדִים.

דְרוּק עֶס אִינֶעם סֵפֶר, וַוייל אִיךְ ווִיל מְלַמְדִים זָאלְן ווִיסְן אַז אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיפְן קִינְד; אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן קִינְד שְׁלֶעכְט וֶועט דִי קִינְד נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן קִינְד שֵׁיין, מֶען הָאט לִיבּ דָאס קִינְד, מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיפְן קִינְד - וֶועט דָאס קִינְד זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, כא): "מַצְרֵף לַכֶּסֶף", עֶס אִיז דָא אַ כְּלִי אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן זִילְבֶּער, "וְכוּר לַזָּהָב", אוּן אַ כְּלִי אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן גָאלְד, "וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ", אוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעפְּרוּאווְט לוֹיט זַיין לוֹיבּ, וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים אַזוֹי אִיז עֶר; דָאס אִיז דִי טְרִיק פוּן דִי תּוֹרָה ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער, לוֹיט ווִי דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִים - אַזוֹי וֶוערְט עֶר, לוֹיט וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף אִים - אַזוֹי וַואקְסְט עֶר; אַז עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים רִימֶען טָאג אוּן נַאכְט: "בִּיסְט אַזַא גוּט קִינְד, אַזַא טַייעֶר קִינְד, אַזַא זִיסְקֵייט, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט" - וַואקְסְט דָאס קִינְד גוּט, טַייעֶר, זִיס אוּן לִיכְטִיג, אוּן אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אִים נִישְׁט גוּט, מֶען הַאלְט אִין הַארְץ אַז דֶער קִינְד אִיז אַ פוֹיעֶר, אַ גָארְנִישְׁט, אַ פוֹילֶער וְכוּ' - קֶען דָאס קִינְד נִישְׁט וַואקְסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִתְפַּלֵל זַיין צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט מִיט אַבִּיסְל פוּן דֶערְוַוייטְנְס וָואס עֶס גֵייט פָּאר אִין שְׁטֶעטְל, אִין גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, ווִי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לֶעבְּן דָארְט אַ אֱמֶתְ'עֶ גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, ווִי אַזוֹי זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִינוּט, וָואס פַּאר אַ פֵייעֶר פוּן אֱמוּנַת צַדִיקִים עֶס בְּרֶענְט דָארְט, אוּן ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ גַאנְצְן זוּמֶער, אוּן ווִי זֵיי בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכְקֵייט דָארְט, ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אָדֶער זָאל אִיךְ זַיין צוּפְרִידְן וואוּ אִיךְ וואוֹין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי אִיז אִין דִי וֶועלְט, מֶען מֵיינְט אַלְץ אַז יֶענֶעמְ׳ס גְרָאז אִיז גְרִינֶער; דֶער וָואס וואוֹינְט דָא ווִיל גֵיין דָארְט אוּן דֶער וָואס וואוֹינְט דָארְט - ווִיל קוּמֶען דָא.

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דִי פְּלַאץ, עֶס הָאט מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נו), אַ אִידִישֶׁע הַארְץ טְרַאכְט נִישְׁט 'דָארְט אִיז בֶּעסֶער, דָא אִיז בֶּעסֶער', אַ אִידִישׁ הַארְץ וֵוייסְט אַז אִיבֶּערָאל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס זֶענֶען דָא צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער וָואס לַיידְן וְכוּ׳ אוּן וֶוען זֵיי לֵיינֶען אוּן הֶערְן וְכוּ׳ ווִי פְרֵיילִיךְ עֶס אִיז דָא אִין שְׁטֶעטְל, טְרַאכְטְן זֵיי אַז זֵייעֶר בִּיטֶערְנִישׁ וֶועט נֶעְלָם וֶוערְן וְכוּ׳; דָאס אִיז נַארִישׁ, ווַייל וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר - קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן פַּאר עֶלְטֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׂמְחָה, סְפֶּעצִיעֶל אִין אָנְהוֹיב, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב פַאר דִי עֶלְטֶערְן מֶעג מֶען יָא דֶערְצֵיילְן, זֵיי צוּ גֶעבְּן נַחַת אוּן הֶערְן עֵצוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי זִיסֶע לֶעבְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַאר עֶלְטֶערְן אִיז אַ מִצְוָה צוּ פַארְצֵיילְן, אוּן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן עֶלְטֶערְן וֶועט מֶען הָאבְּן שְׁמִירָה, עֶס וֶועט נִישְׁט שַׁאטְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג.

פַאר חֲבֵרִים אוּן פַאר דִי וַוייבְּ'ס חַבֶרְ'טֶעס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן קֵיין עַיִן הָרָע, אָבֶער פַאר אַ מַאמֶע וָואס שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת, אוּן טָאג אוּן נַאכְט אִיז זִי מִתְפַּלֵל פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן - זֵיי דַארְף מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן, שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פָאהְרְן אוֹיף אוּמַאן, אוֹיבּ מֶען קֶען אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אוֹיף זִיךְ אַן אַרֶעסְט בַּאפֶעל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּלִיבּ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע גְזֵירוֹת הַגִּיּוּס וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, אוֹיבּ עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁוֶוערְצְן דֶעם גְרֶענִיץ צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס מִיט דֶעם שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַיין צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער זָאל מֶען נִישְׁט פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַיינְצוּשְׁטֶעלְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי קוּמֶען קַיין אוּמַאן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלַייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מִיט דֶעם זָאג אִיךְ דִיר, אוֹיבּ מֶען וִויל דִיךְ בַּאצְוִוינְגֶען צוּ זַיין אִין דִי טְרֵיפָה'נֶע מִילִיטֶער בַּיי דִי עֵרֶב רַב, זֵיי הָאבְּן דִיר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ פַארְבָּאט אַרוֹיס צוּ פָארְן פוּן לַאנְד, אוּן אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין עֶירְפָּארְט וֶועט מֶען דִיךְ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוֹפָר, קֵיין מִנְיָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה,

אִיז זִיכֶער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין, וַוייל דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי וָואס זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "גַּם בִּתְמִימוּת אָסוּר לִהְיוֹת שׁוֹטֶה", אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט זַיין; אִיז זִיכֶער אַז אוֹיב וֶועט מֶען דִיךְ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, ער"ח מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז דַיין וַוייבּ הַאלְט דִיךְ פָאר וואוּ דַיין צִיצִית אִיז, וֶוען דוּ הַאלְסְט אִיר פָאר וֶועגְן אִיר צְנִיעוּת, זִי טַעֲנָה'ט "אוּן וָואס אִיז מִיט דִיר אַז דוּ טְרָאגְסְט נִישְׁט קַיין צִיצִית... ?"

ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז), צִיצִית הִיט פוּן נִיאוּף, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן 'ווִי קֶען זַיין אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית אוּן עֶס פְלַאקֶערְט נָאךְ אִין מִיר דִי תַּאֲווֹת נִיאוּף ?' אִיז דֶער עֶנְטְפֶער צְוֵויי; עֶרְשְׁטְנְס, וָואס וָואלְט גֶעוֶוען אָן דִי צִיצִית ? מַה-דָאךְ מִיט דִי צִיצִית וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זָאגְן אַז דָאס הִיט פוּן עֲבֵירוֹת, ווִי אַזוֹי וָואלְסְטוּ אוֹיסְגֶעקוּקְט אָן דֶעם ? צְווֵייטְנְס, מֶען דַארְף טוּן דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית, וַוייל דִי תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף קוּמְט דוּרְךְ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית – אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

קוֹיף זִיךְ אַ שֵׁיינֶע צִיצִית אוּן יֶעדְן אַינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ מַאכְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי טַלִית קָטָן, (אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז, מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה אוֹיפְן טַלִית קָטָן אוּן אוֹיךְ אוֹיפְן טַלִית גָּדוֹל); דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (מְנָחוֹת מד.), עֶס אִיז גֶעוֶוען

אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהִיטְן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, עֶר אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ נִסָּיוֹן פוּן טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גוֹיָ'ה, עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר אַ צַייט אוּן בַּאצָאלְט דִי גֶעלְט, עֶר אִיז אַהִין גֶעפָארְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעלֵייגְט זֶעקְס זִילְבֶּערְנֶע בֶּעטְן, אוּן אַ זִיבֶּעטֶע בֶּעט פוּן גָאלְד, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי זִיבֶּעטֶע בֶּעט, שִׁיעֶר נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלַן – הָאט אִים זַיין צִיצִית גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַרָאפּ פוּן דִי בֶּעט, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד. זִי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אֵיינֶער זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, זִי אִיז אוֹיךְ אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין מִיר", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען נָאךְ אַזַא שֵׁיינֶע פְרוֹי ווִי דִיר, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אוּן עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מִצְוָה 'אֲנִי הַשֵּׁם אֱלֹקֵיכֶם', עֶס שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל, אֵיין מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'אִיךְ בִּין בַּאגְלֵייבְּט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת', אוּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'אִיךְ בִּין דֶער וָואס וֶועט גֶעבְּן שְׂכַר פַאר דִי וָואס טוּעֶן מַיינֶע מִצְוֹת'", וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט אָפּ בִּיז דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס אִיז דַיין נָאמֶען, וָואס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דַיין שְׁטָאט, דַיין רֶבִּי'ס נָאמֶען אוּן דִי נָאמֶען פוּן דַיין יְשִׁיבָה", עֶר הָאט אִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ צֶעטְל דִי אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט, זִי הָאט פַארְקוֹיפְט אִיר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן אוּן צֶעטֵיילְט דִי גֶעלְט; אַ דְרִיטְל הָאט זִי גֶעגֶעבְּן פַאר דִי רֶעגִירוּנְג, אַ דְרִיטְל הָאט זִי גֶעגֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אַ דְרִיטְל הָאט זִי מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, זִי הָאט אַלֶעס פַארְקוֹיפְט אוֹיסֶער דִי בֶּעט גֶעוַואנְט וָואס זִי הָאט אִים דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעבֶּעט, אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי יְשִׁיבָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא, אוּן גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי זַיי מִיךְ מְגַיֵיר", רֶבִּי חִיָּיא הָאט אִיר מְגַיֵיר גֶעוֶוען אוּן אִיר

גֶעזָאגְט: "גֵיי הָאבּ חֲתוּנָה מִיט דֶעם תַּלְמִיד, דָאס אִיז דַיין מַתַּן שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי גְרוֹיס דַיין שְׂכַר וֶועט זַיין"; פוּן דִי גְמָרָא זֶעט מֶען אַז צִיצִית אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט אַריינְפַאלְן אִין נִיאוּף, אוּן אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ הֵיילִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט הֵיילִיג אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נָאךְ אֵיין מָאל שׁוֹפָר בְּלָאזְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שׁוֹין אֱלוּל דַארְפְן מִיר מַאכְן מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶער וָואס הָאט מִיט אֱלוּל.

דִי וָואךְ בֶּעט דֶעם מֶעלֶער צוּ מַאכְן אַ בִּילְד פוּן מַיין זֵיידֶע דֶער וֵוייצֶענֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי עֶר שְׁטֵייט אִין לַאגֶער מִיט דִי גֶעשְׁטְרֵייפְטֶע קְלֵיידֶער מִיט דִי גֶעלֶע לַאטֶעס, מִיט אַ שׁוֹפָר אִין הַאנְט, אוּן אַרוּם אִים שְׁטֵייעֶן טוֹיזְנְט פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער.

**אִידְן זֶענֶען שֵׁיין, אִידְן זֶענֶען רֵיין, אִידְן זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין...**

דֶער וֵוייצֶענֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי צְוֵייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִין אוֹישְׁוִויץ הָאט מֶען אַריינְגֶעשְׁמוּגְלְט אַ קְלֵיינֶע שׁוֹפָר, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ דֶער רַב אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן אוּן גֶעבְּלָאזְן שׁוֹפָר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אַלֶע אִידְן אִין יֶעדֶע בְּלָאק.

דָארְט אִין לַאגֶער אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט טוֹיזְנְט פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער, וָואס דִי דֵייטְשֶׁע וֶועלְף הָאבְּן זֵיי גֶעלֵייגְט אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לַאגֶער וַוייל זֵיי

זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוַואכֶע קִינְדֶער, נִידְרִיגֶע קִינְדֶער, וָואס דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט זֵיי צוּ פַארְבְּרֶענֶען אַ טָאג נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְוְוִיסְט אַז דֶער וַוייצֶענֶער רָב הָאט אַ שׁוֹפָר, הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ זָאל זֵיי רוּפְן דֶעם רָב, עֶר זָאל זֵיי אוֹיךְ בְּלָאזְן שׁוֹפָר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אוּנְזֶער לֶעצְטֶע וְוינְטְשׁ אֵיידֶער מִיר גֶעבְּן צוּרִיק אוּנְזֶער נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן"; דֶער רָב טְרַאכְט אוֹיבּ יָא צוּ גֵייְן צוּ זֵיי אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אַרַיינְגֵייְן פוּן אֵייְן לַאגֶער צוּם צְוֵוייטְן אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה פוּן וֶוערְן גְלַייךְ דֶערְשָׁאסְן, דָאךְ הָאט דֶער צַדִיק מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט צוּ זֵיי.

דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם רָב עֶר זָאל זֵיי זָאגְן אַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה. דֶער רָב הֵייבְּט אָן רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן, עֶר שְׁטִיקְט זִיךְ פוּן גֶעוֵויין; וְוי אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא הֵיילִיגֶע פָאלְק וְוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וָואס שְׁטֵייעֶן גְרֵייט צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם, אוּן זֵיי ווִילְן נָאר אֵייְן זַאךְ הֶערְן, דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹפָר בְּלָאזְן, דֶער רָב וֵויינְט, דֶער רָב קֶען נִישְׁט רֶעדְן, אִינְמִיטְן גֶעבְּט אַ קִינְד אַ שְׁרֵיי אוֹיס: "טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר קֶענֶען הָאפְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן אָבֶּער מִיר דַארְפְן זַיין גְרֵייט אוֹיף דֶעם עֶרְגְסְטְן, מִיר דַארְפְן זִיךְ גְרֵייטְן, מֶען גֵייט אוּנְז אָט אָט פַארְבְּרֶענֶען, לְמַעַן הַשֵׁם בְּרִידֶער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט צוּ שְׁרֵייעֶן מִיט כַּוָונָה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל"; אַלֶע טוֹיזֶנְט אוּן פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל... !" מֶען הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאנְצֶע לַאגֶער.

דֶער רָב נֶעמְט דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט, עֶר הֵייבְּט אָן: "מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי קָהּ", דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען אוּן זָאגְן נָאךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט, דֶער צַדִיק זָאגְט: "קֵיינְמָאל הָאבְּן אִידְן נִישְׁט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'מִן הַמֵּצַר' מִיט אַזַא גֶעוֵויין", דֶער רָב בְּלָאזְט שׁוֹפָר, אוּן דִי אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט זֵיי פַארְבְּרֶענְט מִיט נָאךְ זֶעקְס מִילְיָאן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אִידְן, וִוי זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, וִוי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר עֶס אִיז, זֵיי הֶערְן נָאךְ אֵיין מָאל שׁוֹפָר בְּלָאזְן; טֵייעֶרֶע קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אִידְן זֶענֶען שֵׁיין, אִידְן זֶענֶען רֵיין, אִידְן זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן אַלֵיין..."

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִידִישֶׁע מַאמֶעס דַארְפְן הָאבְן אַסַאךְ כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, ער"ח מֶקֶדֶם, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר קוּמְט צוּ דִי כֹּחוֹת, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן נָאךְ מֶער כֹּחַ אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

נֶעמְט וַוייטֶער דִי מֶעדֶעצִין צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אַלֶע נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, אַלֶע נֶעמֶען וִויטַאמִין, אִידִישֶׁע מַאמֶעס דַארְפְן הָאבְן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען פִירְן דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט.

אַז אִיר ווִילְט עֶפֶּעס טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זָאלְן אַייעֶרֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס אִיר הָאט, פַאר אַייעֶר טַייעֶרֶע מַאן, פַאר אַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם אִין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

...

דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם אַייעֶרֶע וִוי אַלֶע זִיצְן אִין גַן עֵדֶן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אַלֶע מִיט שֵׁיינֶע לַייכְטֶער אוּן אִיר זִיצְט אִין דִי זַייט אָנְגֶעטוּן וָואכְנְדִיג מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע לֶעכְט; מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַייךְ וִוי טְרוֹיעֶרִיג עֶס אִיז אִין הִימְל וֶוען מֶען נֶעמְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיךְ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט, פִּינְקְט אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט - אַזוֹי אִיז מֶען מְקַבֵּל אִיר נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט פָארִיגֶע שַׁבָּת, אִיר הָאט נִישְׁט גֶעדֶעקְט טִישׁ אוּן נִישְׁט גֶעצִינְדְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט אִין דִי שֵׁיינֶע לַייכְטֶער, נָאר גֶעצִינְדְן בְּעַצְבוּת צְוֵויי קְלֵיינֶע טְרֶעוְול לֶעכְט; הָאט מֶען אַייךְ גְלַייךְ גֶעוַויזְן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְזֶען אִין הִימְל.

נֶעמְט זִיךְ פָאר פוּן דֶעם שַׁבָּת צוּ צִינְדְן לִיכְט מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט שֵׁיינֶע לַייכְטֶער אוּן שֵׁיין אָנְגֶעטוּן, אוּן אֲפִילוּ חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב עֶס וֶועט זַיין זַאכְן וָואס וֶועלְן אַייךְ מַאכְן בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - וֶועט אִיר נִישְׁט וַויי טוּן דֶעם שַׁבָּת, אִיר וֶועט נִישְׁט נִיצְן דִי מִצְוָה פוּן צִינְדְן שַׁבָּת לֶעכְט פַאר אַ סְטְרַאשֶׁע, אוּן אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט וֶועט פַּאסִירְן צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן (עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן) וֶועט אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דִי שַׁבָּת לִיכְט – וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי שֵׁיינֶע לֶעכְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, טוּט אַלֶעס פַאר אַייעֶר שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַז אִיר וֶוערְט וַויי גֶעטוּן פוּן אַייעֶר מַאן - זָאלְט אִיר דֶערְצֵיילְן אַייעֶר וַוייטָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מַאכְט נִישְׁט דִי זַאכְן וְכוּ׳, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער. גֵייט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶרֶע גֶעפִילְן, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן אִין שְׁטוּב.

אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין, אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן עֶר זָאל

אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאל עֶר אַוֶועק לֵייגְן דִי טֶעלֶעפָאן, עֶר זָאל אַייךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייךְ, אָבֶּער אַייךְ בֶּעט אִיךְ אִיר זָאלְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת רֶעדְן וֵוייךְ, אוּן אַלֶע מָאל מַאכְן אַ שְׁמֵייכְל; דָאס וֶועט אִים צִיעֶן צוּ אַייךְ.

...

## שְׁוֶוערְן אַז נָאךְ דִי פְּטִירָה וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

בְּנוֹגֵעַ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל שְׁוֶוערְן מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה אַז "נָאכְן פְּטִירָה, נָאכְן אַוֶועק גֵייעְן פוּן דִי וֶועלְט - זָאל מֶען מִיךְ טְרָאגְן צוּם צַדִּיק רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ', אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיי דִי הַקָּפוֹת, בַּיים טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה שְׁוֶוערְט מֶען; אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיז מִיט פְרוֹיעֶן?

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פְרוֹיעֶן קֶענֶען דָאס טוּן בַּיי דִי מְזוּזָה, מֶען כַאפְּט אָן דִי מְזוּזָה אוּן מֶען שְׁוֶוערְט, מֶען זָאגְט: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַ נִפְטֶרֶת זָאל מֶען מִיךְ גְלַייךְ נֶעמֶען צוּם צַדִּיק רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן", דָאס אִיז אַ וֶועג צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן כָּל עַקְתִין בִּישִׁין דְּיֵיתוּן לְעַלְמָא, בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט - זָאגְט מֶען, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְן אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטּוֹב.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דַיין בַּעַל הַבַּיִת זָאגְט מִיר אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט רִיכְטִיג, דוּ זָאגְסְט אִים: "אִיךְ בִּין דָא פַאר מַיין גֶעלְט", "אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מִיט דִי בִּיזְנֶעס" וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן פַאר אַ בַּעַל הַבַּיִת. דָאס מֶעג מֶען טְרַאכְטְן, אָבֶּער זָאגְן דַארְף מֶען "שְׁכֹּחַ", מֶען דַארְף מַכִּיר טוֹבָה זַיין אַ בַּעַל הַבַּיִת, ווִי נִישְׁט בַּאקוּמְסְטוּ דַיין פַּרְנָסָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט דִיר - דוּרְךְ אִים, אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, גֶעדֶענְקֶען אוּן אָנֶערְקֶענֶען דָאס גוּטְס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן מִיט אִים. אוּן אוֹיךְ בַּיים אַרְבֶּעטְן דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, זוּכְן דִי בִּיזְנֶעס זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוּן ווִי מֶען קֶען שְׁפָּארְן גֶעלְט, אַז נִישְׁט אִיז דָאס גְנֵיבָה.

אַז דֶער בְּרִיוו אִיז נִישְׁט גֶענוּג קְלָאר, דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ מֵיין - זָאלְסְטוּ קוּמֶען רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים.

מוֹהֲרַאנַ"שׁ זָאגְט, הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז אַ סִימָן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע מִידוֹת, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ.

...

## נָאר דָאס שֵׁיין רֶעדְן, דָאס מַאכְט חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ פַארְלַייג זִיךְ עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, רֶעד שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג, אוּן ווִי שֶׁענֶער דוּ וֶועסְט רֶעדְן - וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער חָשׁוּב אוּן מֶער קֶענִיג, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן; וֶוער זָאל עֶרְשְׁט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּב, דוּ אָדֶער דַיין וַוייבּ, אָדֶער וֶוער זָאל שְׁטֵיין רֶעכְטְס אוּן וֶוער לִינְקְס בַּיים שְׁפַּאצִירְן - דָאס אִיז נִישְׁט קוֹבֵעַ, דָאס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה, נָאר דָאס שֵׁיין רֶעדְן - דָאס מַאכְט חָשׁוּב, אוּן דָאס מַאכְט זַיין ווִי אַ קֶענִיג, (שֵׁיין רֶעדְן מֵיינְט נִישְׁט גֶעמַאכְט וְכוּ', ווִי מֶען רֶעדְט בַּיי אַ שְׁפִּיל [פְּלֶעי], שֵׁיין רֶעדְן מֵיינְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט כָּבוֹד).

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן תִּיקוּנִים. אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן

אַרִיזַ"ל בֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַאר שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת פוּן נַשְׁגַ"ז רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער אַרִיזַ"ל גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג פִינְף בְּלַאט תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

...

## אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶעקְלַאפְּטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר גֵייט זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת, אוֹיךְ זָאלְט אִיר הָאבְּן אֵיין צִיל פַאר אֵייךְ - אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶעקְלַאפְּטֶע.

זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִיז אַ חָכְמָה, נִישְׁט קֵיין מְלָאכָה, מֶען דַארְף קֶענֶען זַיין שְׁטַארְק מִיט וָואס מֶען אִיז מְחַנֵּךְ אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין גוּט אוּן הַארְצִיג.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה; פַארְקֶערְט, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען דַארְף נֶעמֶען אַנְטִיבִּיַאטִיק אוּן מֶען נֶעמְט נִישְׁט - אִיז עֶס אַ סַכָּנָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר הָאט גֶעהֶערְט אֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן דְרָשׁוֹת מִיט

דְרָשׁוֹת קֶעגְן אַנְטִיבִּיַאטִיק, אַז דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע קְרֶענְק, און יֶעצְט וֶועט אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף מֶען אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע זַאכְן, אֱמוּנוֹת טְפֵלוֹת; מֶען קוּקְט אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל און אִין שו"ת בְּרֶסְלֶב, און אַז מוֹהֲרָאַ"שׁ זָאגְט, אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן פוּן זִיךְ הֵיילְן נַאטוּרְלִיךְ פוּן זֵיי רֶעדְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן, און אַז אַנְטִיבִּיַאטִיק וְכוּ' אִיז נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם - דַארְף מֶען דָאס אָנְנֶעמֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

קוּקְן מָאוִויס, סְטֶעטוּס, אָדֶער גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל - דָאס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג, אַנְטִיבִּיַאטִיק אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם.

...

## דְרֵייוֶוער אַ בָּאס פַארְן רֶבִּינְ'ס חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הַאלְט אַז זַיין אַ בָּאס דְרֵייוֶוער פַאר דִי מוֹסָד אִיז גָאר אַ גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ מְלָאכָה קַלָּה וּנְקִיָּ', מֶען פַארְדִינְט שֵׁיין און מֶען אַרְבֶּעט נָאר אַפָּאר שָׁעָה אִינְדֶערְפְרִי און אַפָּאר שָׁעָה נָאכְמִיטָאג. מֶען קֶען זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען אַרְבֶּעט אִין רֶבִּינְ'ס חֵדֶר.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיךְ וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן צוּ קוּמֶען דְרֵייוֶוען אַ בָּאס פַארְן רֶבִּינְ'ס חֵדֶר.

נָאךְ אַ מַעֲלָה, מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא, מְלַמְדִים יִרְאֵי שָׁמַיִם, וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין אִין אַן אָפִיס מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיטְן רֶבִּי"ן וְכוּ'.

זוּנְטָאג פָאר אִיךְ שׁוֹין אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאב זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט, אִיךְ הָאב גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דִיךְ זֶען דֶעם זוּמֶער, זֶעט אוֹיס בִּיסְט גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען.

...

## זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי מָאוִויס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ וֵוייס אַז קוּקְן מָאוִויס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ פוּן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן, מֶען וֶוערְט צוּ דֶעם צוּגֶעקְלֶעבְּט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן וִויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּטֵיילְן דֶערְפוּן - גֵייט עֶס נִישְׁט.

דָאךְ זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג טֶעגְלִיךְ, בִּפְרַט יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אַ חוֹדֶשׁ פוּן רַחֲמִים, אַ חוֹדֶשׁ פוּן נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען אַלֶעס אוֹיסְבֶּעטְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן כַּמָּה וְכַמָּה תְּפִילוֹת, הַלְוַואי זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו מִיט דִי אַלֶע שֵׁיינֶע תְּפִילוֹת אוּן דָאס נָאכְאַמָאל לֵיינֶען אוּן בֶּעטְן דִי אַלֶע תְּפִילוֹת, בִּיז אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי מָאוִויס, אִיר וֶועט נָאר זֶען אֱלֹקוּת, גֶעטְלִיכְקֵייט.

...

## נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אַייעֶר מַאן פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶס הָאט אוֹיךְ מַעֲלוֹת; דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, זֵייעֶרֶע זְמַנִּים וְכוּ', מֶען גֵייט אָן מִיט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט. אוֹיךְ קֶען מֶען אַמָאל זִיךְ צֶעקְרִיגְן בַּיי אַ חַבְרֶ'טֶע וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אָדֶער וֶוען דִי אַנְדֶערֶע פְרוֹי זָאגְט אַ קְרוּם וָוארְט פַאר אַייעֶר'ס אַ קִינְד, אָדֶער אִיר זָאגְט אַ שְׁטְרֶענְגֶע וָוארְט פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְד; אַמָאל - אוּן מֶער ווִי אַמָאל - הָאט מֶען אַ צֶעשְׁטֶערְטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בְּלַייבְּט אִין אַייעֶר דִירָה אוּן פְרֵייט זִיךְ אַז אַ גַאנְץ יָאר הָאט אִיר אַ מַאן וָואס הֶעלְפְט אַייךְ, אוּן יֶעצְט פָארְט עֶר צוּם צַדִיק פוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, אָמֵן.

...

## אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אוּן טוּן פַארְן מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, נָאר דָאס בְּלַייבְּט, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר צַייטְוַוייליג, כַּאפּ אַרַיין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ לֶערְן גְמָרָא וַהֲלָכָה; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס וָואס דוּ בֶּעטְסְט נִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ' - אִיז לְדַעְתִּי אַ טָעוּת; וַוייל אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אוּן טוּן פַארְן מַאן, וֶוען דִי פְרוֹי קָאכְט אוּן בַּאקְט פַארְן מַאן - מַאכְט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר אוּן עֶס מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיךְ אַז דִי וַוייבּ מַאכְט דִי קְלֵיידֶער, זִי וַואשְׁט וְכוּ', זִי אִיז מְסַדֵּר דֶעם מַאן'ס קְלֵיידֶער - מַאכְט דָאס שָׁלוֹם בַּיִת.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וֶוען דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִיר: "וָואס דַארְפְסְטוּ פַאר נַאכְטְמָאל?" - צוּ עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט מַטְרִיחַ זַיין, מַאךְ גָארְנִישְׁט"; דָאס טוּט וֵויי פַאר דִי פְרוֹי, וַוייל זִי וִויל זַיין נָאנְט, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין טִירְחָא, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי קְלֵיידֶער; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז מַטְרִיחַ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה, אַז דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִיר: "וָואס קֶען אִיךְ דִיר מַאכְן?" זָאלְסְטוּ יָא זָאגְן וָואס דוּ בַּאגֶערְסְט, אוּן זָאלְסְט אִיר יָא בֶּעטְן צוּ מַאכְן קְלֵיידֶער וְכוּ', דָאס וֶועט מַאכְן עֶנְגֶער קֶשֶׁר שְׁטֶערְקֶער אוּן נֶענְטֶער.

קָאנְטְרָאלִירְן מֵיינְט וֶוען דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט בַּיי דִי כֹּחוֹת, זִי זָאגְט: "הַיינְט

הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ מַאכְן עֶסְן, הַיינְט וֶועלְן מִיר עֶסְן יְרָקוֹת אוּן פֵּירוֹת וְכַדוֹמֶה", אוּן דֶער מַאן וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק, אַז דִי טוּט דָאס אָן כֹּחַ; דָאס אִיז אַ קָאנְטְרָאלֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער גֵיין לְכַתְּחִילָּה זִיךְ אַלֶעס מַאכְן, אֵייגְן, אַלֵיין - דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶונֶען; לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זַיי מַקְפִּיד אוֹיף דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַוְקָא; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ.

...

## צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

בִּזְכוּת דִי צְנִיעוּת פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", צְנִיעוּת בְּרֶענְגְט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל אוֹיסְטְרָאגְן דָאס קִינְד בְּנָקֵל וּבְנַחַת, עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן קֵיין עַיִן הָרָע אוֹיף אִיר אוּן נִישְׁט אוֹיפְן קִינְד.

בְּנוֹגֵעַ אַ נָאמֶען; מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נָאר נָאכְן הָאבְן דָאס קִינְד.

...

## נָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים לְכַתְּחִילָּה שֶׁבִּלְכַתְּחִילָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז שְׁטוּב עֶסְט מֶען אַלֶעס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט

אִידִישֶׁע אוֹתִיוֹת אִיז כָּשֵׁר - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דַיין שְׁטוּב לוֹיט דִי וֶועג ווִי מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; עֶסְן נָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים וָואס אִיז לְכַתְּחִילָה שֶׁבְּלְכַתְּחִילָה.

וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זַיין אַ טֵייל פוּן דִי פַאמִילְיֶע, דָארְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְּרַאוֶוען קַיין מַעֲשִׂיוֹת, עִנְיָנִים, אָבֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ נָאר קוֹיפְן עֶסְן וָואס הָאבְן הֶכְשֵׁרִים פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

### רִירְט נִישְׁט פוּן אֵייעֶר צְנִיעוּת קֵיין אֵיין רִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אוֹיףְ דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען מֶעג גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען שְׁנַיידְט דִי נֶעגֶל אוּן מֶען מַאכְט וְכוּ' - אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נֵיין, עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן יח.), חֲסִידִים פִירְן זִיךְ צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעגֶל, וַוייל אֲפִילוּ מֶען וֶוערְט פוּן דֶעם גֶעשֶׁעדִיגְט - דָאךְ טוּט אַ חָסִיד מֶער פַאר אַנְדֶערֶע ווִי פַאר זִיךְ, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שֶׁעדִיגְן אַ פְּרוֹי וָואס וַוארְט וְכוּ'.

בְּלַייבְּט מִיט אַייעֶר אֵיידְלְקֵייט, בְּלַייבְּט מִיט וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא, רִירְט נִישְׁט פוּן אַייעֶר צְנִיעוּת קֵיין אֵיין רִיר, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, עֶנְק וֶועלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג לִיבּ הָאבְן, עֶנְק וֶועלְן הָאבְן פַּרְנָסָה אוּן קִינְדֶער, אוּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

...

## מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִין דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ׳ - דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, וַוייל אַלֶעס גֵייט צוּ דִי זֶעל פוּנֶעם קִינְד, דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן אִין דִי חֳדָשִׁים נִישְׁט צוּ גֵיין אִין אַ טִיעֶר גָארְטְן (זָא), נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף חַיּוֹת אוּן בְּהֵמוֹת טְמֵאוֹת, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה פוּנֶעם קִינְד.

אִיז זִיכֶער אַז קוּקְן מָאוִויס, שָׁארְטְס, סְטֶעטוּס - פוּן עֶקְלְדִיגֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע פְּרִיצוּת - טוּט שֶׁעדִיגְן דָאס קִינְד.

מִזְמוֹר לְתוֹדָה אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה, דָאס אִיז דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת.

...

## אָן וַואטְסְעֶפּ וֶועסְטוּ הָאבְּן מֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; בְּלַייבּ אָן וָואטְסְעֶפּ - וֶועסְטוּ הָאבְּן מֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס וֶוערְט גְרִינְגֶער, מֶען קֶען גְרִינְגֶער רֶעדְן, טוּן, מַאכְן וְכוּ׳, אָבֶּער דִי מֹחַ וֶוערְט מֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, מֶען פַארְלִירְט דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען פַארְלִירְט דִי שַׁלְוָה.

דוּ עֶפְּנְסְט יֶעצְט אַ נַייעֶ בִּיזְנֶעס, דוּ דַארְפְסְט הַצְלָחָה; וָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען אִין שׁוּל, אוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט זַייעֶר וִויכְטִיג רֶעדְן - וָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל אוּן דָארְט עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִין שׁוּל וָאלְסְטוּ זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עֶפֶענֶען יֶענֶעמְ'ס טִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אַז עֶנְקֶער שָׁכֵן שְׁפַּאצִירְט אַרַיין צוּ עֶנְק אִין שְׁטוּב אָן רְשׁוּת - זָאלְן עֶנְק דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן וִוי פְרִיעֶר, עֶס אִיז זֵייעֶר אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ; וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת דֶּרֶךְ אֶרֶץ רַבָּה, פֶּרֶק ה') אַז אֲפִילוּ אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּב אִיז אַ שַׁיינֶע זַאךְ צוּ קְלַאפְּן, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין פְּלוּצְלוּנְג.

מִיט שְׁכֵנִים אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ קְרִיגְן, דֶערִיבֶּער זָאלְן עֶנְק דָאס וִוי פְרִיעֶר אָפְּשְׁטֶעלְן, זַיין אָפְן, זָאגְן קְלָאר; דוּ פַארְן שָׁכֵן אוּן דַיין וַוייבּ פַאר דִי שְׁכֵנָה, אַז בַּיי עֶנְק אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עֶפֶענֶען אַ טִיר, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ קִינְד עֶפֶנְט דַארְף מֶען זָאגְן פַארְן קִינְד: "פְרֶעג דַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע אוֹיבּ מִיר קֶענֶען קוּמֶען", אוּן אַז דִי קִינְד קוּמְט זָאגְן "מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען", אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ - קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן אִין שְׁטוּב; נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין שָׁלוֹם, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זָאגְן וֶועט בַּיים סוֹף זַיין אִינְגַאנְצְן צוּקְרִיגְט וד"ל.

...

## עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן מִיט דִי שׁוּלֶע, וִוי מִיט דִי מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דַיין טָאכְטֶער קוּמְט אַהֵיים צוּבִּיסְן, אָדֶער זִי זָאגְט אַז אֵיינֶער הָאט אִיר גֶעהַאקְט אִין קָאפּ; זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ רוּפְן דִי סְקוּל וִוי אֵיידֶער דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד וָואס הָאט עֶס גֶעטוּן, אוּן אוֹיבּ דִי טִיטְשֶׁער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג – רוּפְט מֶען דִי מְנַהֶלֶת. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ רוּפְן דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד; עֶרְשְׁטְנְס, נִישְׁט אַלֶע מַאמֶעס וֵוייסְן וָואס צוּ טוּן, וָואס וֶועט דָאס הֶעלְפְן, צְוֵוייטְנְס, עֶס קֶען וֶוערְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, (וַוייל אַזוֹי אִיז דִי טֶבַע בַּיי מַאמֶעס, אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַ קְרוּם וָוארְט אוֹיף דִי טָאכְטֶער - נֶעמְט מֶען דָאס צוּם הַארְצְן).

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער, בְּלַייבְּט בַּיי דִי לֶעכְט אוּן בֶּעטְס:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי זָאלְן שַׁיינֶען אִין דִי תּוֹרָה, זֵיי זָאלְן זַיין צַדִּיקִים".

וֶוען דִי פְרוֹי צִינְדְט דִי לֶעכְט זֶענֶען אָפְן דִי שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם.

...

## וָואס אִיז דֶען וֶוערְד אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אַז אִיר זָאגְט נִישְׁט קֵיין תְּהִלִּים, אִיר זֶענְט פַארְיָאגְט מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, קוֹים וָואס אִיר כַאפְּט אַרוֹיס דָא אַ קַאפִּיטְל אוּן דָארְט אַ קַאפִּיטְל; וַוייל טוּן דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְכַאפְּן אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים - אִיז דָאס אִין הִימְל זֵייעֶר טַייעֶר, אוֹיבְן אִיז דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי דָא, אוֹיף דִי וֶועלְט קוּקְט מֶען אָן מִיט בִּיטוּל 'אֵיין קַאפִּיטְל', וָואס אִיז דֶען וֶוערְד אַזוֹי וֵוינִיג... אוֹיבְן קוּקְט מֶען דָאס אָן אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

...

## מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גֶעפִילְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ נִישְׁט, וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא אוֹיסְצוּגֶעבְּן אַפַּאר דָאלֶער צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט צוּ הַאלְטְן דִי הַקָּפוֹת שִׂמְחַת תּוֹרָה, וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר?

וָואלְסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַ גֶעפִיל, זִי וִויל מִיט

הַאלְטְן, זִי ווִיל זַיין פוּן דִי נָאנְט; לֶעשׁ נִישְׁט אוֹיס אִירֶע גֶעפִילְן צוּ זַיין נָאנְט וְכוּ', ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט בְּעֶצֶם אוֹיסְלֶעשְׁן דִי גֶעפִילְן, אִיז ווָאס פַּאסִירְט? מֶען מַאכְט אַוֶועק וְכוּ', אוּן מֶען הֶעלְפְט נִישְׁט צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט וְכוּ', דִי גֶעפִילְן גֵייעֶן צוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען חֲרָטָה פַארְן אַוֶועק מַאכְן.

אַז דַיין ווַייב ווִיל זַיין שִׂמְחַת תּוֹרָה נָאנְט צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גֶעלְט, אַזוֹי אוֹיךְ אִין אוּמַאן אִיז אַ קַטְנוּת הַדַּעַת צוּ קוּקְן אוֹיף דִי פָּאר דָאלֶער ווֶען מֶען קֶען זַיין אִין אַזַא טַייעֶרֶע חַבוּרָה...

...

### שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן אַלֶע צְדָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

ווֶער קֶען זָאגְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן וואו צוּ וואוֹינֶען... אִיךְ ווֶעל עֶנְק נִישְׁט זָאגְן זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז עֶנְקֶער הַחְלָטָה.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס עֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע צְדָדִים; דַיין פַּרְנָסָה, דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת וְכוּ', אוּן דָאס ווָאס עֶס ווֶעט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחֲשָׁבָה - דָאס זָאלְן עֶנְק טוּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בַּיי יֶעדֶע סָפֵק, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אִין דַיין קַאר אָדֶער אַ פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּב, אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים אַלֶע סְפֵיקוֹת, אַלֶע צְדָדִים, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר ווַייזְן דִי רִיכְטִיגֶע אוּן אֱמֶת'ֶע ווֶעג.

...

## נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם אִין הֵיכַל פוּן צִיּוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

טִינְק זִיךְ אַיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן אַז דוּ יָאגְסְט זִיךְ, דוּ דַארְפְסְט לוֹיפְן צוּ דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְהַאלְךְ קוּמֶען אִין שׁוּל, אוּן אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ הָאבְן הַצְלָחָה, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע.

מִיר פָארְן יֶעצְט צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן זַיין דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בַּיים רֶבִּי׳ן קֶען מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן, מֶען קֶען פוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת; זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיים צִיּוּן בִּיז דוּ פוֹעֵלְ׳סְט. בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קֵיין דְבָרִים בְּטֵלִים, מַאךְ זִיךְ אַ גֶדֶר אַז אִין הֵיכַל פוּן צִיּוּן זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי׳ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דִיר, דַיין וַוייבּ דַארְף דַיין הִילְף, דַיין וַוייבּ דַארְף דַיין שְׁמֵייכְל, דַיין וַוייבּ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיר פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין טָאג?" "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?"

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט שְׁפִּירְן וִוי אַ קֶנָס יֶעדֶע מָאל דוּ דַארְפְסְט אַרוֹיסְגֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה וְכַדוֹמֶה, נִישְׁט וִוי יֶעצְט וִוי דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ גֶע׳קַנְסְ׳עֶט וֶוען דוּ דַארְפְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

דָאס וָואס דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר זַאכְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ הָאסְט נָאךְ אַ מַאמֶע וְכוּ׳; דָאס דַארְפְסְטוּ אוֹיסְוֵוינֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ תּוֹצָאָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער יָארְן וֶוען מֶען הָאט דִיר טָאג אוּן נַאכְט

נָאר גֶעזָאגְט. אַ וַוייבּ מֶעג זָאגְן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי אִיז אַ מַאמֶע. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן הֶער דֶעם קוֹל פוּן צַדִּיק, וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

...

**נֶעם אַרוֹיס דַיין וַוייבּ, טְרָאג אִיר, בְּרֶענְג אִיר, נֶעם אִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ פִירְסְט זִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר. אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט אִיר טְרָאגְן אִין גְרָאסֶערִי אַיינְקוֹיפְן, זִי זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט כְּאַלְמָנָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר, דוּ הֶעלְפְסְט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, דוּ מַאכְסְט חֶסֶד אַ גַאנְצְן טָאג; מַאךְ אוֹיךְ חֶסֶד מִיט אִיר, זִי אִיז אַ לֵב נִשְׁבָּר, זִי אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. טְרָאג אִיר, בְּרֶענְג אִיר, נֶעם אִיר; דָאס אִיז דַיין תִּיקוּן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין, דוּרְךְ מְהַפֵּךְ זַיין כַּעַס צוּ רַחְמָנוּת. ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ד): "עִיקַּר עֲבוֹדַת הַצְּדָקָה לְשַׁבֵּר הָאַכְזָרִיּוּת", דָארְט וואוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, דָארְט וואוּ מֶען ווִיל נִישְׁט - דָארְט דַארְף מֶען מְהַפֵּךְ זַיין לְרַחְמָנוּת.

...

**לֶערְן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ ווִיסְן פוּנְקְטְלִיךְ וָואס צוּ טוּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִין דִי מוֹסָד אוּן אִין דִי קְהִילָה, מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

איך ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט יֶעדֶע וָואךְ לֶערְנֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", דָארְט שְׁטֵייט אַלֶעס וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, סַיי וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַּאר יֶעדְן יָחִיד און סַיי פַּאר דִי קְהִילָה. אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ רֶעדְן מִיט דִיר טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל זַאכְן דִיר צוּ זָאגְן; וֶועסְטוּ אַלֶעס זֶען אִין דִי בְּרִיוו.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּענְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כְּסִדְרָן, וֶועסְטוּ וִויסְן פִּינְקְטְלִיךְ ווִי מִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסָד און קְהִילָה.

...

## נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ צְוֵוייטֶע הוֹיז אָן רְשׁוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג און נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וַוייל מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע הוֹיז אָן רְשׁוּת, און דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מַסֶּכֶת דֶּרֶךְ אֶרֶץ רַבָּה, פֶּרֶק ה') אַז אֲפִילוּ אִין אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז זָאל מֶען קְלַאפְּן אִין טִיר וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין אַ הוֹיז אָן דֶעם וָואס יֶענֶער עֶפְנֶט אַייךְ דִי טִיר און נֶעמְט אַייךְ אַרַיין, אֲפִילוּ בַּיי אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן אֵיידְל, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין נָאר מִיט רְשׁוּת, אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן, און אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זִיצְט נֶעבְּן אַייךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אִין אִיר טֶעלֶעפָאן, און נִישְׁט עֶפֶענֶען קֵיין לֶעדְלֶעךְ, שֶׁענְקְלֶעךְ.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעוֶוען אַ יְסוֹד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז 'דִי קֵיסָרִין און קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר, וֶוען זֵיי ווֵייסְן וֶוען וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ מֶען לֶערְנְט דָא אוֹיס'.

...

## הֵיילִיג הֵיילִיג, אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי נִישְׁט גוּטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פְרֵיילִיכֶע בְּרִיוו.

הֵיילִיג הֵיילִיג, יֶעצְט וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטוּבּ אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר" אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ" זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא" אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא" אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא" אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דִי סַמֶךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, אוּן אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ, מֶען פָאלְגְט צַדִּיקִים - אִיז מִדָּה טוֹבָה אַסַאךְ מֶער ווִי דִי קְלָלָה, מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּטְרַייבְּן דִי נִישְׁט גוּטֶע פוּן שְׁטוּבּ, דִי קְדוּשָּׁה אוּן דִי בְּרָכוֹת קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי וֶועג פַאר הַצְלָחָה אִיז זַיין צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי וֶועג פַאר הַצְלָחָה אִיז זַיין צַייטְלִיךְ, אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָּה צוּ מַאכְן דִי שִׁיעוּרִים, דִי צַאמְקוּמֶען, אוּן עֶס וֶוערְט יֶעדֶע וָואךְ שְׁפֶּעטֶער - דָאס הָאט מִיט אַייךְ; אַז אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן דִי פְּרָאגְרַאם, אָפְּגֶעזֶען ווִיפִיל פְרוֹיעֶן עֶס זֶענֶען דָארְט - וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען בִּיז אַ וָואךְ צְווֵיי אִין צַייט, אָבֶּער אַז מֶען זֶעט אַז עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ סַיי ווִי, קוּמְט מֶען שְׁפֶּעטֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער; אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶעס.

הֵייבְּט אָן צוּרִיק פִּינְקְט אִין צַייט, אַז מֶען רוּפְט דִי צַאמְקוּם אוֹיף אַכְט אַזֵייגֶער – זָאלְט אִיר דָאס אָנְהֵייבְּן פִינְף מִינוּט פַאר אַכְט, אַזוֹי וֶועט עֶס נִישְׁט וֶוערְן אַרַייְנְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי נֶעכְט, אוּן יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן; סַיי אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן אוּן סַיי דִי וַוייבְּלֶעךְ וֶועלְן קֶענֶען אַהֵיים גֵיין אִין צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וִוי אַזוֹי צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט עֶנְק זָאלְן נָאכְקוּקְן עֶנְקֶער אֵיידֶעם מִיט אַזַא פַארְגְרֶעסֶערוּנְגְס גְלָאז; וִויפִיל אִיךְ וֵוייס אִיז עֶנְקֶער טָאכְטֶער זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט אִיר מַאן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי כַּלָה טִיטְשֶׁער, זִי זָאגְט מִיר אַז אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אֲפִילוּ עֶס וֶועט זַיין זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן צְוִוישְׁן זֵיי, אִיז רִיכְטִיג דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַרַייְנְמִישְׁן, רִיכְטִיג אִיז מְחַזֵק זַיין דִי טָאכְטֶער זִי זָאל רֶעדְן צוּ אַ טִיטְשֶׁער, צוּ אִיר מְנַהֶלֶת וְכַדוֹמֶה, נִישְׁט דִי מַאמֶע זָאל זִיךְ פְּרֶעגְן, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז רוֹב גִיטִין אִיז פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַרַיין אִין דִי מַצָב בַּיי דִי קִינְדֶער.

עֶלְטֶערְן קֶענֶען הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת; יֶעדֶע מָאל מֶען רֶעדְט צוּם טָאכְטֶער זָאגְט מֶען אַ גוּט וָוארְט אוֹיפְן מַאן, אוּן אַז דִי טָאכְטֶער קְרֶעכְצְט זָאגְט מֶען אִיר: ״שֶׁעפֶּעלֶע מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן קְרֶעכְצְן״, מֶען אִיז מְחַזֵק דִי טָאכְטֶער זִי זָאל זוּכְן דָאס גוּטְס, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּם זוּן זָאגְט מֶען אִים אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיבּ עֶר אִיז שֵׁיין אוּן גוּט צוּ אִיר. עֶלְטֶערְן דַארְפְן מוּטִיגְן

און שְׁטאַרְקְן די קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַרײַנְלֵייגְן זֵייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ אִין מֹחַ אִין די שָׁלוֹם בַּיִת.

נָאכְאַמָאל וִויל אִיךְ זָאגְן, לוֹיט וִויפִיל אִיךְ הָאבּ מְבָרֵר גֶעוֶוען אִיז דָאס אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, אַייעֶר אֵיידֶעם אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ און אַייעֶר טָאכְטֶער הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר די מוֹסְדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן די לִיסְטֶע פוּן אַלֶע נֶעמֶען וָואס הָאבְּן גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר צְדָקָה פַאר די מוֹסְדוֹת אִין חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן עֶנְק, אַזוֹי שֵׁיין, אַ וואוּנְדֶער ווִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר די מוֹסְדוֹת.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶעמֶען, זָאג זֵיי אִיךְ וַוארְט זֵיי אַלֶע צוּ טְרֶעפְן אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַבִּיסֶעלֶע קִנְאָה, אַבִּיסֶעלֶע תַּאֲוָה, און אַבִּיסֶעלֶע כָּבוֹד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל צוּרִיק בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער נָאנְטְקֵייט, אִיךְ טְרַאכְט אַז דוּרְךְ בְּרִיוּו

קֶען מֶען זַיין נָאנְט, אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ לֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן וִוי אֵיינֶער וֵויינְט אוּן חַזֶר'ט אוֹיפְן קוֹל דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כא): "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", דִי דְרֵיי זַאכְן, מְקַנֵא זַיין, אוּן תַּאֲווֹת, אוּן גְלִיסְטְן כָּבוֹד - נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; יֶענֶער הָאט גֶעוֵויינְט בַּיים צִיוּן אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צוּלִיב אַבִּיסֶעלֶע קִנְאָה, צוּלִיב אַבִּיסֶעלֶע תַּאֲוָה אוּן אַבִּיסֶעלֶע כָּבוֹד - זָאל אִיךְ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט", אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן גֶעהֶערְט זַיינֶע בְּכִיּוֹת הָאבְן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן וֵויינֶען, אוּן אַלֶע הָאבְן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט מֶען זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי זַאכְן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ, מִיר פָארְן שׁוֹין אָט אָט צוּם צִיוּן הַמְּצֻיֶּנֶת.

...

## אִיךְ זֶע דִיךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ זֶע אִין דִיר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין גוּטֶע ווִילְן; דוּ וֶועסְט וַוייטֶער וֶועלְן זַיין גוּט, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְט אִים בֶּעטְן פוּן הַארְץ עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן דִיךְ מְקָרֵב זַיין אוּן דִיר וַוייזְן דִי וֶועג וִוי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אַהֲבַת נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף דִיר, אִיךְ זֶע דִיךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט בַּיי דִי מְזוּזָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַגּוֹמֵל לְחַיָּבִים טוֹבוֹת, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, דוּ בִּיסְט גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט צוּ לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ וַוייטֶער הִיטְן אוּן מַאכְן מִיט דִיר נִיסִים.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ - לֵייג דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, מִיךְ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער״. דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה נֶעמְט אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ וֶוען דוּ פָארְסְט אִין אַ קַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָארְן נָאר נָאכְן זָאגְן תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ, אוּן גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): ״כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ״, וֶוען דוּ גֵייסְט אוֹיף אַ וֶועג, וֶוען מֶען פָארְט - ״תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה״, זָאלְסְטוּ עֶרְשְׁט גֶעבְּן צְדָקָה; וֶועסְטוּ זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

...

## קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

הֱיוֹת דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דִי יָאר קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ קוּמֶען צוּ שְׁטֶעטְל זַיין דָארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מַאכְן אַ מִנְיָן אִין שְׁטֶעטְל אַז דִי פְּרוּיעֶן זָאלְן קֶענֶען הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

אִיךְ וִויל מְפַרְסֵם זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין אוּמַאן זָאלְן קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אַזוֹי וֶועלְן דִי מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן וואוּ צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג.

...

## זָאג נָאר אֵיין זַאךְ, זַיי מִיר מוֹחֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם דִי שֵׂכֶל וֶועט דִיר גוּט זַיין:

וֶוען דִי וַוייבּ זָאגְט דִיר אַז זִי אִיז וַויי גֶעטוּן גֶעוָוארְן פוּן דִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מַסְבִּיר זַיין פַארְוָואס דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּן, אוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דָאס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. אַז זִי זָאגְט: "דוּ הָאסְט מִיךְ וַויי גֶעטוּן" - אִיז דָא אֵיין זַאךְ אוּן נָאר אֵיין זַאךְ צוּ זָאגְן: "זַיי מִיר מוֹחֵל", אוּן אַז זִי זָאגְט: "יֶעדֶע מָאל טוּסְטוּ דָאס צוּ מִיר, אוּן נָאכְדֶעם מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט אוּן דוּ בֶּעטְסְט אִיבֶּער, יֶעדֶע מָאל טוּסְטוּ דָאס" - הֵייבְּט מֶען נִישְׁט אָן שְׁפִּילְן מִיט אִירֶע גֶעפִילְן, נָאר מֶען בֶּעט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, אוּן אַז זִי זָאגְט וַוייטֶער: "דוּ וַוייסְט וִוי שְׁטַארְק דוּ טוּסְט מִיךְ וַויי וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל".

דוּ בִּיסְט טַאקֶע זֵייעֶר קְלוּג, אָבֶּער בִּיסְט נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט 'נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט' - אִיז דָאס אַזוֹי, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב), מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן

נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט דִי וַוייבּ, נָאר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן גֶעבְּן גֶערֶעכְט - אִיז קֵיינֶער נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דֶעם.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ וויל זֵייעֶר הָאבְּן נַחַת פוּן עֶנְק. זָאלְסְט מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר אַז מֶען בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ, מֶען זוכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט.

מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (שָׁם סִימָן ד', אוֹת ב): "לֵית כָּבוֹד", מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה - "בְּלֹא כָ"ף", אָן דִי אוֹת כ' וָואס וַוייזְט אוֹיף כְּפִיפָה, אַיינְגֶעבּוֹיגְן; נָאר אַז מֶען בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ, דִי 'כָּבוֹד עַצְמוֹ', דוּרְךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן 'דָם' צוּ 'דֹם', מֶען זָאל אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, אוּן וֶוען דִי וַוייבּ שְׁרֵייט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, "מְשׁוּגָע'נֶער", "צֶעדְרֵייטֶער", "נַאר" - זָאל מֶען נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין עַל בִּזָיוֹן כְּבוֹדוֹ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. ...

## מוֹרָא הָאבְּן פוּן לָשׁוֹן הָרָע, נִישְׁט פוּן מֶעדֶעצִינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ...

אִיךְ וויל עֶנְק פַארְעֶרְכְטְן, דָאס וָואס עֶנְק נִיצְן שְׁטֶענְדִיג נַאטוּרְלִיכֶע זַאכְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, עֶנְק ווילְן נִישְׁט נֶעמֶען אַנְטִיבִּיַאטִיק, עֶנְק גֵיין נִישְׁט צוּ דָאקְטוֹירִים אוּן עֶנְק לֵייגְן דָאס אָן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס שְׁרַייבְּט שַׁארְף קֶעגְן דָאקְטוֹירִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ).

קוּקְט אַרַיין אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַזוֹי שַׁארְף וְכוּ' - מֵיינְט עֶר דִי וָואס גֵייעֶן נַאטוּרְלִיךְ, דָאס אִיז דִי סַכָּנָה, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי מִיטְלֶען פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק אִין אוּקְרַיינֶע; דִמְיוֹנוֹת, פַאנְטַאזִיעֶס.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ עֶנְק, לָאזְט אָפּ דִי נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, אוּן אַז אִיר הָאט אַ צָאן

וָואס מֶען דַארְף אַפֶּערִירְן און מֶען דַארְף אַיינְשְׁלֶעפְּן - זָאלְט אִיר דָאס טוּן בְּשִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַנֶעסְטִיזְשְׁיֶע - זָאלְט אִיר מוֹרָא הָאבְּן פוּן רֶעדְן אֵיין לָשׁוֹן הָרָע. מַאכְט אַייךְ נִישְׁט נַארִישׁ, אַלֶעס אַלֶעס נֶעמְט אִיר אָן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מֶעגְט אִיר אוֹיךְ מִיט דִי זַאכְן אִים גֶעטְרוֹיעֶן, אַז אַנֶעסְטִיזְשְׁיֶע, אַנְטִיבִּיַאטִיק, עֶפִּידוּרֶעל, שַׁאטְס וְכוּ', דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם.

אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

...

---

**'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס חֶדֶר?'**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וַויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב וֶוערְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר ווילְד, עֶר קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין וֶוען אַ מִשְׁפָּחָה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אִין דִי עֶפֶנְטְלִיכְקֵייט אַלְס בְּרֶסְלֶב; מֶען שְׁטֶעלְט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, מֶען צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטֶעטְל, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר וויל צֶעשְׁטוּרֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מִיט בִּלְבּוּלִים, מִיט טַעֲנוֹת, מִיט קֻשְׁיוֹת, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ מַאכְן דִי חֶשְׁבּוֹן 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען? וָואס וויל אִיךְ בַּיים רֶבִּינְ'ס חֶדֶר? אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען פַאר אֵיין סִיבָּה, צוּ זַיין אַ אִיד, צוּ קֶענֶען לֶעבְּן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, צוּ קֶענֶען גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער'; אַזוֹי אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן.

...

---

## זַיי מִתְפַּלֵל אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר, אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר דִי מְלַמְדִים, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעצָאלְט פַאר אַפָּאר וָואכְן. דִי וָואךְ דַארְף אִיךְ הָאבְּן נַיינְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער נָאר פַאר דִי מְלַמְדִים, אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס מִיט דִי אָפִּיס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג פוּן פֶּסַח הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, אִיךְ קוּק נָאר צוּם הִימְל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר מַאכְן אַ נֵס, אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע דִי וָואךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׂכַר לִימוּד זָאלְסְטוּ צָאלְן פַאר אַלֶעס, אוּן אַז דִי מוֹסָד בֶּעט וֵוייניג שְׂכַר לִימוּד, זֵיי וִוילְן נִישְׁט בֶּעטְן טַייעֶר, אוּן אַז דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט - זָאלְסְטוּ גֶעבְּן מֶער, וַוייל מֶען דֶערְלֵייגְט נִישְׁט, מֶען פַארְדִינְט סַיי מִיט דִי קִינְדֶער אוּן סַיי מִיט דִי שֶׁפַע הַפַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵאר קִינְדֶער

## אִידְן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן

די פְרוֹי הַאלְט אַ זֶעקְל מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס לִיגְט אִין דִי זֶעקְל, עֶפֶּעס אַ סוֹד הַאלְט זִי דָארְט, זִי גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט צוּ צוּם בְּלָאזוּבֶער רַב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן זִי פְרֶעגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט, דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין רֶעוָואלְוֶוער אוּן פְרֶעגְט דֶעם רַב: ״זָאגְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט וָואס פַאר אַ סוֹדוֹת עֶנְק רֶעדְן דָא, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ עֶנְק שִׁיסְן״.

דֶער רַב עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם רָשָׁע אַז די פְרוֹי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער, ״אַ מֶעסֶער? וָואס דַארְף זִי אַ מֶעסֶער?!״ דֶער נַאצִי נֶעמְט אַרוֹיס זַיין מֶעסֶער אוּן גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי, דֶער נַאצִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי פְרוֹי וִויל טוּן מִיט דִי מֶעסֶער, זִיכֶער וִויל זִי זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁעדִיגְן, אָבֶּער קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט? וֶוער וֵוייסְט וָואס לִיגְט אִין דִי זֶעקְל אוּן וֶוער וֵוייסְט פַארְוָואס דִי פְרוֹי וִויל אַ מֶעסֶער?

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי צַייטְן פוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַלֶע אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה. אַ פְרוֹי הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד אִין לַאגֶער, אַ זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגֶעלֶע בֶּעבִּי, דִי פְרוֹי הָאט בַּאהַאלְטְן דִי קִינְד אִין אַ זֶעקְל אַז דִי נַאצִיס זָאלְן אִים נִישְׁט זֶען,



זִי מַאכְט אַ בְּרִית פַאר אִיר אִינְגֶעלֶע

און וֶוען די פְרוֹי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען גֵייט איר שׁוֹין כִּמְעַט הַרְגְ׳עֶנֶען מִיט איר זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אִינְגְל בֶּעבִּי, הָאט זִי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּרִית פַארְן קִינְד, און דָאס אִיז די סִיבָּה פַארְוָואס זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ מֶעסֶער פוּנֶעם רָב, זִי הָאט גֶעוָואלְט איר קִינְד זָאל זַיין גֶע׳מַל׳עְט אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן די וֶועלְט.

וֶוען דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ הָאט גֶעגֶעבְּן די מֶעסֶער פַאר די פְרוֹי הָאט די פְרוֹי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, גֶעעֶפֶנְט די זֶעקְל און גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: ״בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְווֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ״, און גֶעמַאכְט די בְּרִית, און וֶוען דֶער נַאצִי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעשׁוֹימְט פַאר כַּעַס, עֶר הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט פַארְלוֹירְן זַיין אָטֶעם; דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אַז דֶער אִיד אִיז אַזַא עַקְשָׁן, דֶער אִיד אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ די אֱמוּנָה, עֶר דִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶר הָאט גֶעכַאפְּט זַיין רֶעוָואלְוֶוער און זֵיי בֵּיידֶע גֶעשָׁאסְן צוּם טוֹיט, די מַאמֶע מִיט איר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד, און זֵייעֶר נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ, בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, מִיט אַלֶע זֶעקְס מִילְיָאן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער ווִי אִיז דָא נָאךְ אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ ווִי אַ אִיד וָואס ווִיל גָארְנִישְׁט, דֶער אִיד אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. לָאמִיר אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״חַנּוּן הַבִּיטָה מִמְּרוֹמִים״, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק אַרָאפּ פוּן הִימְל און זֶע - ״תִּשְׁפֹּכֶת דַּם הַצַּדִּיקִים״ דָאס פַארְגָאסֶענֶע בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״וְתַמְצִית דָּמִים״, און ווִי מֶען קְוֶועטְשְׁט אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶער בְּלוּט, ״תִּרְאֶה בְּפַרְגּוֹדְךָ וְהַעֲבֵר כְּתָמִים, אֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים״.

# זכות הפצה

**זכות בספר הקדוש הזה**

**נתנדב לזכות**

**מוה"ר יהודה ארי' ראטה הי"ו**

**וזוגתו רחל תחי'**

**וילדיהם**

**יוסף, יהודית**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון